**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/28/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 18 מיליאן דאלארדיגער 'קומענדיגע-דור געביידעס ערפידונגען טשעלענדזשעס' פראגראם פאר פארגעשריטענע געביידע טעכנאלאגיעס

***זיבעטע רונדע רעכנט אריין נייע פעלד פון 'קלוגע' געביידע קאנטראל טעכנאלאגיעס וועלכע קאנטראלירן די ענערגיע איינריכטונגען און וויפיל עלעקטריציטעט זיי ציהען***

***שטופט פאראויס ציהל פון ניו יארק'ס לאנד'ס-פירנדער 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 18 מיליאן דאלאר איז דא צו פארטיילן אונטער דעם 'קומענדיגע-דור געביידעס ערפידונגען טשעלענדזשעס' (Next Generation Buildings Innovation Challenges) פראגראם פאר פראיעקטן וועלכע אפפערן פארגעשריטענע טעכנאלאגיעס פאר געביידעס פאר ריינע הייצונג, ווענטילאציע און עיר קאנדישען סיסטעמען, די ווענט און קאנטראלס פון געביידעס. די זיבעטע רונדע רעכנט אריין נייע פעלד צו שטופן פירמעס צו מאכט פארשריט מיט געביידע קאנטראלירונג לייזונגען, אריינרעכנענדיג די אנטוויקלונג פון 'קלוגע' געביידע קאנטראל טעכנאלאגיעס וועלכע קאנטראלירן די ענערגיע איינריכטונגען און וויפיל עלעקטריציטעט זיי ציהען און ארויפברענגען אזעלכע פראדוקטן אויף די מארקעט, פאראויס שטופנדיג דאס אריבערפירן געביידעס פון קארבאן באנוץ צו עלעקטריציטעט באנוץ. די אנאנס שטיצט די ציהל פון ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדער 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' (Climate Leadership and Community Protection Act, CLCPA) צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050.

"מיט געביידעס זייענדיג איינס פון די הויפט קוועלער פון שעדליכע גאז עמיסיעס אין די סטעיט, איז דאס גאר וויכטיג אז מיר זאלן אדרעסירן די סעקטאר כדי צו ערגרייכן אונזערע קלימאט ציהלן און רעדוצירן אונזער באנוץ מיט קארבאן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** די 'קומענדיגע-דור געביידעס ערפידונגען טשעלענדזשעס' איז איינס פון די פילע כלים וואס מיר נוצן צו טרעפן און אונטערשטיצן עכטע לייזונגען צו אריבערפירן אונזער עקאנאמיע פון קארבאן צו עלעקטריציטעט אזוי ווי מיר זעצן פאר צו באקעמפן קלימאט טויש."

די 'קומענדיגע-דור געביידעס ערפידונגען טשעלענדזשעס' וואס ווערט אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) שטעלט צו שטיצע פאר פירמעס וועלכע אנטוויקלען, ברענגען ארויף אויפן מארקעט און ווייזן ארויס נייע טעכנאלאגיעס וועלכע קענען פארשטערקערן די ווירקזאמקייט און ענערגיע-שפארזאמקייט פון געביידעס און רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס. דער פראגראם שטיצט טעכנאלאגישע ערפינדונגען אריינרעכנענדיג היץ פאמפס וואס ציהען ארויס היץ פון די ערד, אנדערע טעכנאלאגיעס וואס נוצן אויס די ערד'ס היץ ('דזשיאָו-טערמעל') און נייע געביידע ווענט לייזונגען, אין צוגאב צו די ניי-צוגעלייגטע פעלד פון 'קלוגע' געביידע קאנטראל לייזונגען.

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "דורך דעם 'קומענדיגע דור געביידעס ערפינדונגען טשעלענדזש' פראגראם העלפן מיר נייע ריינע טעכנאלאגישע פראדוקטן צו אריינקומען אין די מארקעט — פראדוקטן וועלכע שטופן פאראויס דאס אראפנעמען געביידעס פון קארבאן , זיי ארויפברענגען אויף עלעקטריציטעט און זיך צו צופאסן צו די איינוואוינער. זעהענדיג ווי לאנג עקזיסטירנדע און צוקונפטיגע געביידעס בלייבן שטיין, וועלן אינוועסטירונגען וועלכע ווערן געמאכט יעצט צו מאדערניזירן אונזערע געביידעס דינען דורות פון ניו יארקער און נאך ווייטער, און אונזער פראגראם איז קאנצענטרירט צו זיכער מאכן אז איינוואוינער מיט נידעריגע און מיטלמעסיגע איינקונפט בענעפיטירן מער דירעקט פון די אינוועסטירונגען."

**סטעיט סענאטאר קעווין פארקער האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר זעצן פאר צו באקעמפן די שוועריגקייטן פון קלימאט טויש, דארפן מיר אנטוויקלען לייזונגען וועלכע וועלן אונז העלפן אראפנעמען אונזערע געביידעס פון קארבאן באנוץ זיך רוקנדיג פאראויס. איך אפלאדיר NYSERDA פארן ארבעטן פלייסיג צו צושטעלן שעפערישע וועגן צו אנטוויקלען די געביידע טעכנאלאגיעס פון די קומענדיגע דור וועלכע וועלן ברענגען בענעפיטן פאר ניו יארקער, באזונדערס פאר די וועלכע געפונען זיך אין שוואכערע קאמיוניטיס."

**אסעמבלי מיטגלידערין דידי בארעט האט געזאגט,** "אראפנעמען געביידעס פון קארבאן באנוץ איז קריטיש צו ערגרייכן ניו יארק סטעיט'ס CLCPA ציהלן, אזוי ווי 40 פראצענט פון אלע עמיסיעס אין די סטעיט קומען פון געביידעס. "שאפן נייע וועגן צו גיבן א פינאנציעלע רייץ פאר פירמעס צו פאראויסגיין מיט קלוגע געביידע קאנטראל סיסטעמען און צו קאנטראלירן ענערגיע און עלעקטריציטעט באנוץ וועט ווייטער ערמעגליכן דאס אראפגיין פון קארבאן וואס איז גענוי דאס וואס די 'קומענדיגע-דור געביידעס ערפידונגען טשעלענדזשעס' דארף טוהן. איך בין דאנקבאר פאר די גאווערנער'ס אנגייענדע שטיצע פון דעם פראגראם."

די פעלדער וואו דער פראגראם קאנצענטרירט זיך פאר די רונדע רעכענען אריין:

- **געביידע ווענט סיסטעמען און קאמפאנענטן –** לייזונגען פאר הייזער מיט איין היים און אפּארטמענט געביידעס וואס וועלן באדייטנד רעדוצירן הייצונג און קילונג קאסטן, פארמערן באקוועמליכקייט און מאדערניזירן דרויסנדיגע ווענט דורכן אריינברענגען נייע מאטעריאלן און קאנסטרוקציע טעכניקן.
- **היץ פאמפּס פון די ערד קאסטן רעדוקציע –** לייזונגען פאר פריוואטע און ביזנעס געביידעס וועלכע רעדוצירן די קאסטן צו אינטאלירן אזא סיסטעם מיט 20 פראצענט אדער מער דורך נייע סארטן היץ פּאמפּ עקוויפּמענט, 'גראַונד לופּ' טעכנאלאגיעס און הייבריד סיסטעמען.
- **'קלוגע' געביידעס –** לייזונגען פאר פריוואטע און ביזנעס געביידעס וועלכע ערמעגליכן עלעקטריזירונג אן עלעקטרישע סערוויס מאדערניזירונגען, פארבינדן עלטערע סארטן ענערגיע סיסטעמען און אזעלכע סיסטעמען וואס זענען צוטיילט, און אזוי אויך אזעלכע וועלכע היטן אויף די איינוואוינער'ס געוואונטשענע באקוועמליכקייט בשעת'ן מינימיזירן די געביידע'ס העכסטע עלעקטריציטעט פארלאנג אויף איין מאל, עמיסיעס און די השפעה אויף די 'גריד'.

NYSERDA זוכט ספעציפיש צו ציהען לייזונגען וועלכע בענעפיטירן דירעקט שוואכערע קאמיוניטיס מיט נידעריגע-ביז-מיטלמעסיגע איינקונפט אריבער ניו יארק סטעיט, מיט עטליכע פון די פעלדער פון די ערפינדונגען 'טשעלענדזשעס' זייענדיג קאנצענטרירט אויף לייזונגען וועלכע ציהלן אפארטמענט געביידעס. אפליקאציע וועלן אנגענומען ווערן ביז 3:00 נאכמיטאג אין ניו יארקע צייט אום סעפטעמבער 27, 2023. פאר מער אינפארמאציע, אריינרעכענענדיג צו זעהן א פולע ליסטע פון בארעכטיגטע טעכנאלאגיעס און צו אפליי‎ען פאר די פינאנצירונג געלעגנהייט באזוכט ביטע NYSERDA'ס וועבזייטל. NYSERDA וועט אפהאלטן צוויי וועבינארן פאר אינטערעסירטע פירמעס, אריינרעכענענדיג:

- [אינפארמאטיווע וועבינאר] אום אויגוסט 15, 2023, 1:00 מיטאג
- [א וואָרקשאָפּ איבערן אריינגעבן פארשלאגן] אום אויגוסט 22, 2023, 1:00 מיטאג

**ווידזשעי מאָודי, פראפעסאר פון מעכאנישע אינדזשענירונג ביי קאלאמביע אוניווערסיטעט, האט געזאגט,** "די צוזאג צו ברענגען קלוגע געביידע סיסטעמען איז יעצט דא. טעכנאלאגיעס וועלכע פארמערן די באקוועמליכקייט אין א געביידע – בשעת'ן אנרייצן דאס אראפנעמען די געביידע פון קארבאן באנוץ און שטיצן די באדערפענישן פון א 'גריד' וואס ווערט מער און מער איבערגענומען דורך ריינע קוועלער – זענען יעצט דא צום האנט. די 'קומענדיגע-דור געביידעס ערפידונגען טשעלענדזשעס' זענען א צייטליכע געלעגנהייט צו מאכן די חזון פאר א מציאות."

**ריטשארד יענסי, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון Building Energy Exchange, האט געזאגט,** "אונטער NYSERDA'ס קלימאט פירערשאפט וועלן די 'קומענדיגע-דור געביידעס ערפידונגען טשעלענדזשעס' שטיצן א נייע כוואליע פון טעכנאלאגיעס וועלכע זענען גרייט צו ארויפגיין אויפן מארקעט וועלכע רעדוצירן ענערגיע באנוץ, קארבאן עמיסיעס און קאסטן, בשעת'ן פארמערן באקוועמליכקייט פאר אלע ניו יארקער אריבער די סטעיט. מיט אונזער סטעיט'ס אמביציעזער קלימאט געזעץ, דארף ניו יארק'ס געביידע אינדוסטריע נישט-טייערע לייזונגען וועלכע ערמעגליכן דאס אריבערפירן געביידעס צו נוצן עלעקטריציטעט אויף א בענעפיטירנדע וועג בשעת'ן רעדוצירן קאסטליכע און צייט-פארנעמנדע שטרויכלונגען ווי עלקטרישע סערוויס מאדערניזירונגען. די פארברייטערטע קאנצענטרירונג פון דעם היי-יאריגן פראגראם וועט שטיצן דאס ארויפברענגען די טעכנאלאגיעס וועלכע ווערן מער און מער וויכטיג וועלכע גלאטן אויס די אריבערגאנג צו פולע עלעקטריזירונג, בשעת'ן פארזיכערן די פארלעסליכקייט פון די 'גריד' און רעדוצירטע קאסטן פאר טענאנטס."

**דעיוויד טערי, פרעזידענט פון די נאציאנאלע אסאָוסיעישען פון סטעיט ענערגיע בעאמטע (National Association of State Energy Officials, NASEO), האט געזאגט,** "NASEO איז באגייסטערט צו זעהן NYSERDA עפענענדיג די נייע רונדע פון די 'קומענדיגע-דור געביידעס ערפידונגען טשעלענדזשעס' צו פאראויס שטופן די גאר-נויטיגע אנטוויקלונג און ארויפברענגונג אויפן מארקעט פון טעכנאלאגישע ערפינדונגען צו פארבעסערן די ענערגיע ווירקזאמקייט פון געביידעס. דער 'קומענדיגע דור געביידעס' פראגראם איז א וויכטיגע ביישפיל פון וויאזוי סטעיט נעמען די לייצעס אין די הענט צו פארשנעלערן ערפינדונגען און שטופן ביזנעס געלעגנהייטן צו נאכקומען זייערע סטעיט'ס ענערגיע, עקאנאמישע און ענווייראמענטאלע ציהלן בשעת'ן אויך בענעפיטירן דעם לאנד און די וועלט."

אין די זעקס פאריגע רונדעס פון דעם פראגראם זענען 64 פראיעקטן געשאנקען געווארן א סך הכל פון קרוב צו 45 מיליאן דאלאר. די פירמעס וועלכע זענען פארמישט אין די אונטערנעמונגען צו שטופן פאר די לייזונגען הויבן זיך אן פון פרישע 'סטאַרט-אַפּס' און ביז גרויסע אוועקגעשטעלטע פירמעס וועלכע זענען פארנומען מיטן אדרעסירן די טעכנאלאגישע לעכער וואס שטערן דאס אראפנעמען געביידעס פון קארבאן באנוץ אין ניו יארק סטעיט. די שפערערישע לייזונגען וועלכע ווערן אנטוויקלט און אויפגעוויזן דורך די פינאנצירונג געלעגנהייט וועלן רעדוצירן די ענערגיע באנוץ און אויסגאבן פון ניו יארקע קליענטן, און זיי וועלן אויך ערמעגליכן געביידעס – וועלכע זענען פאראנטווארטליך פאר מער פון א דריטל פון יערליכע עמיסיעס איבערן סטעיט – צו זיין מער ענערגיע-שפארזאם, בויגזאם מיט עלעקטריציטעט פארלאנג, געזונט און שטאנדהאפטיג.

אריינבויען ענערגיע שפארזאמקייט מאסנאמען און עלעקטריזירונג פארבעסערונגען אלץ טייל פון געוועזנטליכע אינוועסטירונגען וועט רעדוצירן קארבאן פארפעסטיגונג און העלפן דערגרייכן מער ענווייראמענט-פריינטליכע, געזונטע און באקוועמע געביידעס פאר נידעריגערע קאסטן. פריער דעם חודש האט די פובליק סערוויס קאמיסיע (Public Service Commission) [ארויסגעגעבן אן ארדער] אויטאריזירנדיג 1 ביליאן דאלאר פער יאר פאר NYSERDA און פאר יוטיליטי ענערגיע שפארזאמקייט און

געביידע עלעקטריזירונג (Energy Efficiency and Building Electrification, EE/BE) פראגראמען פון 2026 ביז 2030, פאר א סך הכל פון 5 ביליאן דאלאר, און די קאמיסיע נעמט אויך אן א סטראטעגיע צו שטיצן פראגראמען פאר פאמיליעס מיט נידעריגע און מיטלמעסיגע איינקונפט ( Low and Moderate Income, LMI) און אזוי אויך א רייע פון אינציאטיוון צו אנטוויקלען די מארקעט אין די פעלד. אין די יעצטיגע צייט ווערט איבער 6.8 ביליאן דאלאר אינוועסטירט צו פארבעסערן און מאדערניזירן געביידעס אריבער די סטעיט דורך NYSERDA און דורך יוטיליטי פראגראמען. דורכן רעדוצירן ענערגיע באנוץ דורך שפארזאמקייט, אינסולירן געביידעס און דורכן מאדערניזירן הייצונג און הייסע-וואסער סיסטעמען מיט ריינערע אלטערנאטיוון, וועט די סטעיט רעדוצירן שעדליכע עמיסיעס און ערגרייכן די אמביציעזע ציהל פון רעדוצירן די ענערגיע באנוץ מיט 185 Tbtu ביז 2025 — די מאס עלעקטריציטעט וואס 1.8 מיליאן היימער נוצן, בשעת'ן ווייטער רעדוצירן קארבאן פארפעסטיגונג דורך באטעריעס אויפן ארט צו היטן עלעקטריציטעט פאר שפעטער, ריינע ענערגיע קוועלער און דורך עלעקטרישע קאר טשארדזשינג עקוויפמענט.

די אנאנס בויט ארויף אויף ניו יארק סטעיט'ס אינוועסטירונגען אין פארשונג, אנטוויקלונג און צו ארויינברענגען נייע פראדוקטן אויפן מארקעט צו שטיצן ערפינדער וועלכע פארשנעלערן די נייע טעכנאלאגיעס צו אראפנידערן עמיסיעס און באערדיגן קארבאן וועלכע זענען נויטיג צו קענען נאכקומען די סטעיט'ס ציהל צו אנקומען צו א פולשטענדיג קארבאן-באלאנסירטע עקאנאמיע. NYSERDA'ס ערפינדונג פראגראם גיבט אויס 800 מיליאן דאלאר איבער א צייט אפשניט פון 10 יאר אלץ דירעקטע אינוועסטירונגען דורך גרענטס און דורך שטיצע פאר אלעס ארום און ארום ביים ארויפברענגען נייע פראדוקטן אויפן מארקעט. מער פון 680 מיליאן דאלאר אין פריוואטע אינוועסטירונגען און 200 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג געלטער פאר פראיעקטן זענען שוין ערמעגליכט געווארן און מער פון 450 נייע ריינע ענערגיע פראדוקטן זענען ארויפגעברענגט געווארן אויפן מארקעט אלץ רעזולטאט פון די NYSERDA'ס אינוועסטירונגען אין טעכנאלאגיע און אין ביזנעס אנטוויקלונג, ארויינרעכנענדיג LED באלייכטונג סיסטעמען, היים אפלייענסעס, באטעריעס וואס האלטן אן לענגער, און מער שפארזאמע הייצונג און קילונג סיסטעמען.

פינאנצירונג פאר די אינציאטיוו קומט פון די סטעיט'ס 10-יאריגע 6 ביליאן דאלארדיגע 'ריינע ענערגיע קאסע' (Clean Energy Fund). מער אינפארמאציע איבער די געלטער קען מען געפונען אויף די NYSERDA'ס וועבזייטל.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנדס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום וויניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. אנגעפירט ביי טייל פונעם לאנד'ס מערסט אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, איז ניו יארק אויף דעם ריכטיגע וועג צו ערגרייכן איר ציל צו האבן אן עלעקטרישע סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, ארייינרעכנענדיג אנצוקומען צו 70 פראצענט פון באנייעוודיגע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון דעם יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, ארייינרעכנענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די

אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו שטופן פאראויס ניו יארק'ס קלימאט אקציע, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און 100 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג איניציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו צילן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן